**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/1/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט אדמיניסטראציע נאמינאציעס און באשטימונגען**

גאווערנער קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט נייע אדמיניסטראציע נאמינאציעס און באשטימונגען.

"אין ניו יארק ארבעטן מיר צו אנקומען צו א בעסערע, ליכטיגערע צוקונפט פאר פילע דורות, און איך האב נישט קיין שום ספק אז די זענען די בעסטע מענטשן צו אריינברענגען צו ארבעטן מיט אונז וועלכע האבן אינזין די זעלבע ציהל", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "קומענדיג פון פארשידנארטיגע פלעצער און האבנדיג א ברייטע רייע פון ערפארונג, ברענגט די מאנשאפט אומשאצבארע וויסנשאפט צום טיש. ניו יארקער קענען זיין רואיג אז די שטעלעס זענען געגעבן געווארן פאר מענטשן וועלכע וועלן קעמפן פאר זיי און וועלכע האבן אינזין די בעסטע אינטערעסן פון די באפעלקערונג."

**קערי ניפעלד** וועט נאמינירט ווערן אלץ **קאמישאנער פון די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities, OPWDD).** מיס ניפעלד האט בעפאר דעם געדינט אלץ אסיסטענט סעקרעטארשע פאר מענטשליכע סערוויסעס און גייסטישע היגינענע (Assistant Secretary for Human Services & Mental Hygiene) אין די גאווערנאר'ס אפיס, און אלץ אסיסטענט דעפיוטי קאמישאנער ביי ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף (Office of Temporary annd Disability Assistance, OTDA) וואו זי האט אנגעפירט די ניי-געשאפענע אפטיילונג פון שעלטער איבערזיכט און אויספאלגונג ( Division of Shelter Oversight and Compliance). בעפאר דעם האט זי געארבעט אלץ א ספעציעלע געהילף פאר די דעפיוטי קאמישאנער פון די OTDA בשעת'ן דינען אלץ עקסעלסיאר סערוויס פעלאָו ( Excelsior Service Fellow). בעפארן אנטיילנעמען אין די עקסעלסיאר סערוויס פעלאָושיפ פראגראם, איז מיס ניפעלד געווען א פעלאָו ביי דיי פרויען און פובליק פאליסי צענטער ביי ראקעפעלער'ס קאלעדזש צענטער פאר פרויען אין רעגירונג און ציווילע געזעלשאפט ( Rockefeller College's Center for Women in Government & Civil Society). מיס ניפעלד האט געארבעט אלץ פראיעקט מענעדזשער ביי די גייסטישע געזונטהייט פארבאנד פון קאָלאָממביע-גרין קאונטיס ( Mental Health Association of Columbia-Greene Counties), אלץ א קינד באשיצונג סערוויסעס קעיס וואָרקער ביי די אלבאני קאונטי דעפארטמענט פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Albany County Department of Child and Family Services) און אלץ א יונגווארג קעיר וואָרקער ביי די WAIT הויז היימלאזע יונגווארג שעלטער (WAIT House Homeless Youth Shelter). מיס ניפעלד האלט א BA דעגרי פון די עלמירא קאלעדזש און אן MSW דעגרי פון די אוניווערסיטעט ביי די אלבאני סקול פון געזעלשאפטליכע וואוילזיין (the University at Albany School of Social Welfare). מיס ניפעלד וועט דינען אלץ צייטווייליגע קאמישאנער ביז זי וועט באשטעטיגט ווערן קביעות'דיג דורך די סענאט.

**ניוואַרדאָו לאָופעז** איז באשטימט געווארן **דעפיוטי סעקרעטער פאר טראנספארטאציע.** מר. לאָופעז האט מערסט לעצטנס געדינט אלץ דער בראנקס באָראָו קאמישאנער פאר די ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York City Department of Transportation, NYCDOT). אין די ראלע האט מר. לאָופעז געגעבן ראט פאר דעם קאמישאנער איבער אלע פאליסי אנגעלעגנהייטן

וועלכע האבן געווירקט אויף טראנספארטאציע אין די בראנקס, און ער האט געארבעט מיט עטליכע אפטיילונגען אין די אגענטור צו זיכער מאכן אז די סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט אויף א ווירקזאמע אופן אין די בראנקס. מר. לאָפּעז האט זיך אנגעשלאסן אין די NYCDOT אין 2014 אלץ דירעקטאר פון לעגיסלאטיווע אנגעלעגנהייטן, זייענדיג פאראנטווארטליך פארן אנטוויקלען די אגענטור'ס לעגיסלאטיווע אגענדע. דורכאויס זיין דינסט אויף דעם אמט האט ער געהאלפן פארזיכערן אז א לאקאלע געזעץ וואס האט פארמערט די יערליכע צאל פון צוגענגליכע פיסגייער סיגנאל אינסטאלאציע זאל ווערן דורכגעפירט, און אויך א סטעיט געזעץ פארברייטערנדיג די באס ליניע קאמערא אינפארסירונג פראגראם. בעפארן ארבעטן פאר די NYCDOT, האט מר. לאָפּעז געארבעט פאר קאמפּטראָולער סקאַט סטרינגער אלץ דירעקטאר פון סיטי לעגיסלאטיווע אנגעלעגנהייטן און אויך פאר די בלומבערג אדמיניסטראציע אלץ דער בראנקס דירעקטאר פאר די מעיאר'ס קאמיוניטי אנגעלעגנהייטן איינהייט (Community Affairs Unit). מר. לאָפּעז האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין רעגירונג ארבעטנדיג ביי די ניו יארק סיטי קאַונסיל, קודם פאר בראנקס קאונסילמאן דזשעימס וועקע און דערנאך אלץ לעגיסלאטיווע פאליסי אנאליסט פאר די סיטי קאַונסיל'ס קאמיטע פאר טראנספארטאציע (City Council's Committee on Transportation). מר. לאָפּעז איז א לאנגיאריגע איינוואוינער און געבוירענער פון די בראנקס. ער האלט א BA דעגרי אין היסטאריע פון סעינט דזשאָוסעף'ס אוניווערסיטעט און אן MA דעגרי אין היסטאריע פון די סיטי קאלעדזש אָוו ניו יארק (CUNY).

**דזשיהוּן קים, LMSW (לייסענסירטער סאָושעל וואָרקער)** איז באשטימט געווארן **דעפּיוטי סעקרעטאר פאר מענטשליכע סערוויסעס און גייסטישע היגיענע.** ער האט מערסט לעצטנס געדינט אלץ ספעציעלער געהילף פארן עקזעקיוטיוו דעפּיוטי קאמישאנער פון די אפיס פון גייסטישע געזונט (Office of Mental Health). מר. קים האט בעפאר דעם געדינט אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער אלץ דעפּיוטי דירעקטאר פון פּאליסי, וואו ער איז פאראנטווארטליך געווען צו קאארדינירן גרויסע פּאליסי אונטערנעמונגען, און אלץ א סיניאר פּאליסי ראטגעבער פאר מענטשליכע סערוויסעס און גייסטישע היגיענע, וואו ער איז פאראנטווארטליך געווען צו העלפן מיט די אויפזיכט פון אכט סטעיט אגענטורן. בעפארן זיך אנשליסן אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער, האט מר. קים געארבעט פאר דעם ניו יארק אטורני דזשענעראל אלץ דעפּיוטי דירעקטאר פון לעגיסלאטיווע אנגעלעגנהייטן. ער איז א לייסענסירטער מעסטער סאָושעל וואָרקער און ער האלט א מעסטערס דעגרי אין סאָושעל וואָרק פון די סילבערמאן סקוּל פאר סאָושעלווארק פון האָנטער קאלעדזש און א בעטשעלארס אָוו סייענס דעגרי פון מעריסט קאלעדזש.

**קעיט סי. העריס** איז באשטימט געווארן **דעפּיוטי סעקרעטארשע פאר פינאנציעלע סערוויסעס און טעכנאלאגיע.** זי האט בעפאר דעם געדינט אלץ דירעקטאר פון די 'שטעל זיך פאר ניו יארק פונדאסניי' קאמיסיע (Reimagine New York Commission), ארבעטנדיג אויף די סטעיט'ס ערהוילונג פון די פאנדעמיע. בעפאר דעם איז מיס העריס געווען מינאריטעט קאַונסעל פאר די סענאט סעלעקט קאמיטע אויף שפיאנאזש (Senate Select Committee on Intelligence) וועלכע זעהט איבער די פאראייניגטע שטאטן שפיאנאזש אגענטורן, און זי האט אנגעפירט אן אומפארטייאישע פארשונג איבער דאס ארייננמישונג אין פרעמדע וואלן. דורכאויס די אבאמא אדמיניסטראציע האט קעיט געארבעט אויף היימלאנד און אינטערנאציאנאלע עקאנאמישע פאליסי, ארייננרעכענענדיג קרעדיט פאר קליינע ביזנעסער, קלוגע פינאנציעלע רעגולאציע, קליענט באשיצונג, גלאבאלע אנטי-קארופציע און קאמיוניקאציע טעכנאלאגיעס. זי איז געווען א מיטגלידערין פון די פּאליסי פלאנירונג שטאב ביי די סטעיט דעפּארטמענט אונטער סעקרעטאר דזשאן קערי און האט געארבעט אויף די טרעזשוּרי דעפּארטמענט'ס פינאנציעלע קריזיס אנטווארט אונטער סעקרעטאר טים גייטנער. זי איז אויך געווען א קלעריק פאר ריכטער האָוזעי קעבּרעינס אויף די אפעלאט געריכט פאר די צווייטע סירקוּט, און זי איז געווען א סיניאר פעלאָו ביי יעיל אוניווערסיטעט. קעיט האט גראדואירט מיט א 'סוּמע קוּם לאַודעי' אויסצייכענונג שטאפל פון הארווארד קאלעדזש, און זי האט באקומען איר JD דעגרי פון יעיל געזעץ סקול. זי איז א טערמין מיטגלידערין אויף

די קאָונסעל פון פרעמדע לענדער באציאונגען (Council on Foreign Relations), טשעיר פון די ברוּקינגס געזעלשאפט (the Brookings Society) און א פירערין פון UNICEF NextGen.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן